ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## מטות־מסעי — מנחם־אב

**(חלק כג)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת מטות־מסעי, כב־כח תמוז, ה׳תשפ״ד (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# מטות־מסעי — מנחם אב

א. ווען די פרשיות מטות ומסעי זיינען מחוברות[1], ווערן זיי געלייענט בשבת מברכים החודש מנחם אב, אָדער דעם ערשטן שבת פון חודש מנחם אב.

וע״פ הידוע[2] אַז אַלע פרשיות התורה האָבן אַ שייכות צו דעם זמן אין וועלכן זיי ווערן געלייענט, איז מובן, אַז די פרשיות מטות מסעי האָבן אַ שייכות ניט נאָר צום כללות הזמן שבין המצרים[3], נאָר אויך (ובעיקר) צו חודש מנחם אב[4].

ב. דער מנהג ישראל וואָס „תורה היא"[5] איז צו אָנרופן דעם חודש (בברכת החודש) — „מנחם אב".

[און דאָס איז אויך נוגע להלכה, בנוגע לכתיבת שם החודש אין שטרות וכו׳: אויך ווען מען שרייבט „מנחם אב", און נאָך מערער אפילו אויב מ׳האָט גע־שריבן „מנחם" אַנשטאָט „אב" איז דער גט כשר, ווייל „הדבר מפורסם וידוע דחודש אב קרו לי׳ חדש מנחם"[6], און נאָך מער: יש נוהגים אז בכתובות און שטרות שרייבט מען לכתחילה „מנחם" במקום „אב"[7]].

ויש לומר איינעם פון די פירושים בזה ובהקדם:

אמרז״ל[8] „שמות החדשים עלו בידם[9] מבבל". שטייט אין מפרשים[10] אַז אַלע[11] שמות החדשים זיינען ניט קיין לשונות ב„לשון קודש" נאָר לשון כשדים[12] (שמות פרסיים[13]).

אָבער עפ״ז ווערן כמה קושיות: מען געפינט כמה וכמה דרז״ל[14] אויף שמות

1) שכן הוא ברוב השנים, כי רק בב׳ קביעויות בלבד (ודמעוברות) הן נפרדות — ראה בלוחות שבטאו״ח לאחרי הל׳ ר״ח.

2) של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב (רצז, א).

3) ראה של״ה ריש פרשתנו (שסו, ב ואילך): ואלו שלש הפרשיות (מטות ומסעי ודברים) תמיד חלים בין המצרים כי הוא דבר בעתו (ועד״ז הוא שם ע״א — בהכותרת). ומבאר השייכות בתוכנם. וראה בארוכה לקו״ש חי״ח ע׳ 378 ואילך (וש״נ) — כמה פרטים בביאור השייכות. וראה גם שם ע׳ 411 ואילך בהשייכות דפ׳ מסעי לבין המצרים.

4) דישנה: 1) כללות הזמן דביהמ״צ, והיא 2) מתחלקת לימי תמוז וימי מנ״א, שהם 3) מתחלקים לימי (תחלת) אב ושבוע שחל בו ת״ב, שהוא 4) מתחלק (אבל לא תמיד) לימי השבוע, עת״ב, ת״ב, ת״ב שנדחה, מוצאי ת״ב (ונפק״מ גם לפועל — כמבואר בשו״ע או״ח (סתקנ״א ואילך) ונ״כ).

5) ראה ירושלמי פסחים פ״ד ה״א. תוד״ה נפסל — מנחות כ, ב. ובכ״מ.

6) גט פשוט אה״ע סי׳ קכו סקל״ה. הובא בפתחי תשובה שם סקי״ב. ובערוך השולחן שם סט״ז דאצלנו אין נוהגין כן (לכתוב רק מנחם) אבל אם כתב מנחם אב כשר בדיעבד כיון שכן מברכין החודש בכל מדינותינו וכן כותבין באגרות.

7) גט פשוט שם.

8) ירושלמי ר״ה פ״א ה״ב. ב״ר פמ״ח, ט. תוד״ה מדברי — ר״ה ז, א.

9) בב״ר שם ליתא „בידם". וראה ב״ר הוצאת תיאדור אלבק ובחילופי נוסחאות שם. וברמב״ן בא (יב, ב) „עלו עמנו מבבל".

10) ראב״ע וחזקוני בא שם. וכן משמע ברמב״ן שם. וראה תו״ש בא (ח״י — יא) מילואים ס״ד.

11) לכאורה קשה משם „אב" — כדלקמן בפנים — וי״ל דהכוונה לרוב המכריע של השמות. ואולי י״ל בדוחק גדול, דמובא (ראה הנסמן בהערה 10) שנק׳ כן בבבל בל׳ פרס וכו׳ — ע״ש עניני תקופה זו בשנה כפי שנקראים בפרסית וכו׳ — ולא משום תוכן פי׳ אב בלה״ק.

12) ראב״ע וחזקוני שם.

13) רמב״ן שם.

14) ראה פסיקתא זוטרתא בא שם: ניסן שבו נעשים נסים לישראל. וראה מדרש שמות כל החדשים שהביא בתו״ש שם. ועוד. — ולהעיר מהר״ת דהשם אלול (ראה לקמן הערה 20).

החדשים פאַרבונדן מיט דעם טייטש פון דעם וואָרט ווי ער איז בלשון הקודש [און ניט ע"ד ווי די גמרא זאָגט[15] „דשא — דרך שם" וואָס דאָרטן איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרן ע"ד הרמז, דער וואָרט „דשא" איז אָבער ניט בלשון הקודש, משא"כ ברז"ל הנ"ל איז משמע אַז דאָס איז אַלס טייטש פון דעם וואָרט][16].

ויש לומר ולכאורה בפשטות ואין מקום לקושיא: דער פירוש מרז"ל „עלו בידם מבבל" איז כפשוטו — מ'רעדט וועגן דעם ענין פון „שמות החדשים", ותו לא. ד.ה. אַז דער קשר פון דעם וואָרט מיט'ן חודש (— עס ווערט זיין שם) איז נתחדש ועלה מבבל[17], אָבער ניט אַז דער וואָרט איז מלשון בבל.

ובכל אופן אפילו את"ל אַז בכמה מהם איז דאָס מלשון בבל — זיכער קען מען עס ניט זאָגן בנוגע „אב".

ועוד ועיקר — וויבאַלד אַז דאָס זיינען נעמען וואָס תורה[18] באַנוצט זיך מיט זיי[19], איז פאַרשטאַנדיק אַז זיי האָבן דעם פירוש ווי זיי ווערן גענוצט און גע־טייטשט בלשון הקודש[20]. ובפרט בעניננו אין דעם נאָמען (מנחם) אב, אַז דער נאָמען „אב" האָט דעם פירוש פון דעם וואָרט „אב" בלה"ק[21].

לפ"ז קומט אויס, אַז „מנחם אב" האָט דעם פירוש אַז מ'איז מנחם דעם „אב", וואָס בנוגע צו אידן מיינט עס — אבינו שבשמים, מנחם דעם אויבערשטן, כביכול.

— ווען מען וואָלט גערופן דעם חודש „אב מנחם", וואָלט עס געמיינט אַז דער „אב" (אבינו שבשמים) איז מנחם (אידן)[22]; אָבער וויבאַלד אַז דער נאָמען איז „מנחם אב", מיינט עס אַז דער „אב" איז דער מתנחם[23] [ע"ד הלשון „מנחם ציון" (בברכת נחם), וואָס מיינט אַז „ציון" איז מתנחמת (דער אויבערשטער איז מנחם ציון)] —

15) שבת עז, ב. כתובות י, סע"ב.

16) בתו"ש שם כתב דהשתדלו חז"ל ליהד את שמות החדשים לדרשם ולהכניס בהם תוכן יהודי. וצע"ג למה נאמר שנשתנה משאר מדרשי השמות דחז"ל. וראה מה שהביא ממדרש שכל טוב ויגש (מו, ט).

17) להעיר מהלשון בפירוש המיוחס לרש"י לב"ר שם „וקודם לכן לא נתגלו".

18) ועוד גם לפי המפרשים הנ"ל (הערה 10) דלשון כשדים (פרסיים) הם, י"ל עפמ"ש השל"ה (תט, ב): כשתראה בדברי רז"ל שמפרשים תיבה ואומרים שכן הוא לשון יוני או לשונות אחרים של גוי' כו' אל יעלה בדעתך שהתורה כתבה אלו הלשונות שאינם לשון קודש אלא הכי פירושו כשברא הקב"ה עולמו לא הי' רק לשון הקודש, כו' וכשבלל הקב"ה הלשונות בדור הפלגה בא לשון הקודש ג"כ בשאר הלשונות והתיבות הנ"ל הם לשון קודש ונבללו בלשון יוני או בכתפי או באפריקי. וראה דברי תורה לבעהמ"ס מנח"א (מהדורא ב' ס"ז).

19) כמה מהם בתושב"כ (ראה ירושלמי ר"ה שם. ראב"ע בא שם). וראה — בנוגע ל„אב" — משנה תענית פ"ד מ"ה־ו (ועוד). תרגום* שני למג"א ג, ז. תיב"ע שלח יג, כה.

20) ועפ"ז יובן מה שמצינו כו"כ ר"ת בלה"ק בשם „אלול" (ראה לקו"ש ח"ט ע' 296 ואילך. וש"נ. וראה לקו"ש חי"ט ע' 162). וראה אוה"ת (תרומה ע' א'תקכז) „אדר" — א' דר. ועוד. וראה תו"ש בא הנ"ל בהערה 10.

21) ראה ד"ה נחמו עת"ר פ"י. לקו"ש ח"ד ע' 1080 ואילך.

22) ראה בהנסמן בהערה שלפנ"ז. ולהעיר ממהרי"ל ריש הל' תשעה באב „וירחמנו האב".

23) ראה גם בהמובא בטעמי המנהגים עניני תשעה באב (סתרל"ב־ג) טעמי השם „מנחם אב".

*) כי אפ"ל שכן הוא גם בנוגע **לתרגום** כיון שניתן מסיני (ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתפ"ה ס"ב. וש"נ במ"מ וציונים לשם. וראה תו"ש חי"ז מילואים סכ"ג אות ב. חכ"ד בתחלתו) — שכיון שהובאו בתרגום יש להם פי', כבלה"ק.

בהמשך למרז"ל[24], אַז דער אויבער־שטער זאָגט „מה[25] לו לאב שהגלה את בניו[26] (ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם)"[27], איז מען אים, כביכול, מנחם.

ג. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין די שייכות פון חודש מנחם אב צו די פרשיות מטות מסעי[28], ווייל אָט די נקודה — אַז אַ איד דערהערט אַז די נחמה וואָס ער ווינטשט זיך אין דעם חודש — איז ניט (נאָר) אַ נחמה פאַר זיך, נאָר פאַרקערט, (בעיקר) אָ נחמה פון עם פאַרן „אב", אבינו שבשמים — איז מודגש, סיי אין פ' מטות און סיי אין פ' מסעי:

אין פרשת מטות ווערט דערציילט ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט משה רבינו אויף מלחמת מדין, און געזאָגט דאָס בלשון „נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים"[29]; אָבער בשעת משה רבינו האָט איבערגעגעבן דעם ציווי צו אידן, האָט ער געזאָגט „לתת נקמת ה' במדין"[30]. שטייט אין ספרי[31], אַז משה האָט געזאָגט אידן „לא נקמת בשר ודם אתם נוקמים אלא נקמת מי שאמר והי' העולם".

24) ברכות ג, סע"א.

25) ראה דק"ס נוסח הכ"י „אוי לו". וכן הובא בכ"מ — כנסמן בדק"ס שם בהערה ל.

26) בע"י מוסיף „לבין העובדי כוכבים".

27) ראה טאו"ח סנ"ו. ושם: א) מקדים אוי לבנים לפני ומה לו לאב כו'. ב) בשינוי לשון. ואכ"מ.

28) וראה לקו"ש ח"ד שם ואילך. ספר הערכים־חב"ד ח"א ערך אב. וש"נ.

29) לא, ב.

30) שם, ג.

31) עה"פ. וראה פרש"י עה"פ. במדב"ר פכ"ב, ב. תנחומא מטות ג. לקמן הערה 73.

ועד"ז געפינט מען אין פ' מסעי, וואו דער פסוק זאָגט[32] „ולא תטמא את הארץ גו' אשר אני שוכן בתוכה כי אני ה' שוכן בתוך בני ישראל", שטייט אויף דעם אין ספרי[33]: „חביבים ישראל שאע"פ שהם טמאים שכינה ביניהם[34] . . חביבים ישראל שבכ"מ[35] שגלו שכינה עמהם . . וכשהם חוזרים שכינה עמהם". ד.ה. אַז דער ענין הגלות איז ניט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך פאַר דער שכינה, שכינתא בגלותא, ובמילא, איז די גאולה פון אידן (אויך) אַ גאולה פאַר דער שכינה, ומובן אַז גאולת השכינה איז חשוב'ר פון גאולת בני ישראל.

ד. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין:

אין דעם נאָמען „מנחם אב" איז מודגש בלויז די נחמה פאַרן אב, און עס ווערט בכלל ניט דערמאָנט די נחמה פאַר אידן, פאַרן בן. און אעפ"כ איז דאָס דער נאָמען פון דעם חודש ווי ער ווערט אָנגערופן דורך אַלע אידן[36].

איז ניט פאַרשטאַנדיק: ווען עס וואָלט זיך גערעדט בלויז וועגן צדיקים גדולים, וואָס זייער עבודה איז נאָר „לצורך גבוה" און זיי טראַכטן איבער־הויפט ניט וועגן זיך, אפילו ניט „כדי לדבקה בו ית'"[37] — איז פאַרשטאַנדיק אַז ביי זיי באַשטייט דער ענין הגלות אין דעם וואָס זיי זיינען מרגיש דעם גלות השכינה;

32) לה, לד.

33) עה"פ (בס"פ מסעי).

34) ראה גם פרש"י עה"פ.

35) ראה גם מגילה כט, א. פרש"י נצבים ל, ג. ועוד.

36) ראה לעיל סעיף ב ובהנסמן שם.

37) ראה תניא ספ"י שזוהי מדריגת „בני עלי'".

אפילו די אידן וועלכע האַלטן ניט באַ דער מדריגה פון עבודה נאָר לצורך גבוה, אָבער בעיקר הערט זיך ביי זיי דער גלות השכינה און דער חורבן הרוחני — „אין אנו יכולים לעלות ולראות ולהשתחוות כו׳״[38] — ס׳איז ניט מאיר אלקות בעולם און עס פעלט אין דעם גילוי אלקות שבנפשם[39], אין זייער לימוד התורה וקיום המצות ובפרט אין עבודת התפלה (— להשתחוות),

הערט זיך באַ זיי אָן דער ענין פון „מנחם אב״ עכ״פ אין דעם אַז זיי זיינען מנחם דעם „חלק אלקה ממעל״[40] וואָס געפינט זיך באַ זיי, דעם חלק האב וואָס איז אין זיי.

ווי קען מען אָבער זאָגן לגבי יעדן אידן, און אין יעדן מעמד ומצב, וואָס ידע אינש בנפשי׳ אַז אים טוט ווי דאָס וואָס מען איז נתונים במצור ושבי׳, מען האָט עול גוים על צווארינו, מים רבים פון דאגות הפרנסה אַ מיצר ודוחק בגשמיות, עס פעלט אים אין צרכי הגוף אין בני חיי ומזוני, אַז ס׳איז ניט באופן של רוויחא ווי עס מאָנט זיך עס זאָל זיין באַ אידן —

ווי זאָגט מען אַז באַ אַזאַ אידן הייסט דער חודש מיטן נאָמען „מנחם אב״?

ה. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם וואָס מען געפינט עד״ז אין דעם ענין התפלה:

ס׳איז ידוע די תורה פון מגיד[41] אויפן מאמר חז״ל[42] „אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש״, אַז מען דאַרף מתפלל זיין ניט צוליב דעם אייגענעם חסרון, אין די אייגענע צרכים, נאָר אויף דעם חסרון אין „רישא דכל רישין״, וואָס עס פעלט כביכול אין דער שכינה. און „אף שמבקש בקשת צרכי עצמו יהי׳ כוונתו שלא יחסר הדבר לעילא ח״ו כי[43] הנשמה היא חלק אלוקה ממעל והיא אבר מאברי השכינה וזהו עיקר הבקשה שימולא ויושפע לעילא״[44].

איז אויך אין דעם ניט פאַרשטאַנדיק ע״ד הנ״ל:

די וואָס האַלטן ביי דער דרגא אַז צרכי עצמו זיינען ניט תופס מקום, ובמילא פילן זיי ניט זייער אייגענעם חסרון, עכ״פ ניט אַלס אַן עיקר — איז פאַרשטאַנ־דיק אַז זייער תפלה איז אויף דעם חסרון לעילא.

אָבער ביי רוב אידן זיינען דאָך צרכי עצמו — דער גוף ועניני הגוף תופס מקום און זיי פילן דעם חסרון הגוף און דאָס מאַכט זיי ענג און מבלבל פון עיון בלימוד התורה, מבלבל בקיום המצות[45], ובמילא איז אַ מ״ע צו מתפלל זיין להקב״ה אַז דער אויבערשטער זאָל ממלא זיין דעם חסרון[46] — טאָ ווי פאַסט אויף אַזאַ תפלה די תורה פון מגיד אַז

---

38) נוסח התפלה — מוסף דיו״ט.

39) ראה לקו״ת ברכה צח, ב.

40) איוב לא, ב. ובתניא רפ״ב מוסיף „ממש״.

41) או״ת ר״פ ויגש. וראה גם שם אגדות חז״ל ד״ה אין עומדין (קח, סע״ג — הוצאת קה״ת); שם בסופו ד״ה אל תעש (קטו, ד). לקו״א להה״מ סי״ב (בהוצאה הנ״ל). אוה״ת תשא (כרך ח) ע׳ ג׳צח ואילך. וראה סה״מ תרס״ה ע׳ קצ ואילך. המשך תער״ב ח״ב ע׳ תתקא. ובכלל — בכו״כ ד״ה אין עומדין לרבותינו נשיאינו.

42) ברכות רפ״ה.

43) להעיר גם מתניא ספכ״ח.

44) או״ת ר״פ ויגש.

45) ראה בארוכה רמב״ם הל׳ תשובה רפ״ט.

46) ראה רמב״ם הל׳ תפלה פ״א ה״ב: חיוב מצוה זו כך הוא . . שואל צרכיו שהוא צריך להם בבקשה ובתחנה. וראה נ״כ הרמב״ם שם ה״א. סהמ״מ להצ״צ שרש מצות התפלה בתחלתו. וש״נ.

„אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש" דלמעלה, אויף דעם חסרון אין „רישא דכל רישין"?

ו. ע"ד הנגלה קען מען דאָס מסביר זיין (עכ"פ בדוחק) לויטן פסק דין פון אַלטן רבי'ן בשולחן ערוך שלו[47], אַז „אין לאדם רשות על גופו כלל", ווייל דער גוף האדם איז ניט זיינער, נאָר ער איז קנינו של הקב"ה[48].

עפ"ז קומט אויס, אַז בשעת עס איז פאַראַן אַ חסרון אין צרכי הגוף ובמילא – אין גוף איז עס אַ צער כביכול פאַרן (אמת'ן) בעה"ב פון גוף, הקב"ה. און דער־פאַר איז קיין סתירה ניט וואָס אַ איד איז מתפלל אַז דער אויבערשטער זאָל ממלא זיין דעם חסרון אין צרכי הגוף, און צוזאַמען דערמיט איז „כוונתו של יחסר הדבר לעילא" – ווייל זיין כוונה בתפלתו אַז די צרכי הגוף זאָלן נתמלא ווערן איז (ניט בכדי ער (דער אדם) זאָל ניט זיין קיין חסר, נאָר) בכדי אַז אין דעם אויבערשטנ'ס קנינים זאָל ניט זיין קיין חסרון.

ז. אָבער דער ביאור איז ניט מספיק, ווייל

[נוסף לזה וואָס פון לשון המגיד איז משמע אַז מען רעדט וועגן דעם „כובד" און חסרון אין „רישא דכל רישין", און ניט אין קנינו של הקב"ה]:

מ'האָט שוין גערעדט כמה פעמים, אַז וויבאַלד נגלה דתורה און נסתר דתורה זיינען תורה אחת – בלשון הזהר[49]: נשמתא דאורייתא און גופא דאורייתא – קען דאָך ניט זיין אַז זיי זאָלן זיין בסתירה זה לזה,

ובעניננו קומט אויס לכאורה אַז דער תוכן ענין התפלה ווי דאָס איז ע"פ נגלה איז היפך דערפון ווי דאָס איז לויט תורת המגיד הנ"ל: אין נגלה שטייט[50] אַז די מ"ע פון תפלה איז אַז ווען אַ מענטש פילט אַז אים פעלט עפּעס זאָל ער מתפלל זיין צום אויבערשטן אַז ער זאָל ממלא זיין דעם חסרון. ולפ"ז, ווען איינער האַלט ערשט באַ דער דרגא וואו אים אַרט נאָר, אָדער עכ"פ בעיקר – דאָס וואָס אים פעלט אין זיינע צרכיו הגשמיים, און איז ניט מרגיש באותה שעה אַז גופו איז קנינו של הקב"ה – איז די מ"ע באַ אים אַז ער זאָל מתפלל זיין אויף זיין חסרון;

ויתרה מזה – דאָס איז דער פיה"מ בתפלה, וואָס פיה"מ איז אַן עיקר בתפלה – און דער פירוש איז כפשוטו, כמפורש אין מפרשי התפלות[51].

ואפילו אין די מפרשי התפלות לויט כוונות האריז"ל וכו' – איז מודגש על אתר אַז דאָס זיינען: כוונות, רמזים, סודות וכו'.

משא"כ לויט תורת המגיד הנ"ל אין מרז"ל „אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש" קומט אויס – אַז דער גאַנצ־ער ענין התפלה דאַרף זיין בלויז „שלא יחסר הדבר לעילא ח"ו"[52].

מוז מען זאָגן, אַז אפילו אַזאַ איד וואָס

47) חו"מ הל' נזקי גוף ונפש ודיניהם ס"ד.

48) ראה רמב"ם הל' רוצח ושמירת נפש פי"א ה"ד. רדב"ז לרמב"ם הל' סנהדרין פי"ח ה"ו. אוה"ח קרח טז, כד.

49) ח"ג קנב, א.

50) ראה לעיל הערה 46.

51) להעיר ממאמר הידוע (שו"ת ריב"ש סקנ"ז הובא בשרש מצות התפלה להצ"צ פ"ח): אני מתפלל לדעת זה התינוק. וי"ל שזהו רק בנוגע דאיליו ולא למדותיו (עיין בי' הצ"צ שם פ"ז).

52) או"ת ר"פ ויגש. ועיי"ש שמביא מזהר הקדוש (ראה ת"ז ת"ו – כב, א) ולא כאותן דעבדין לגרמייהו דצווחין הב הב.

טראַכט באותה שעה נאָר וועגן זיין איי־גענעם חסרון, איז אָבער בפנימיות זיין תפלה (אויך) אויפן חסרון אין „רישא דכל רישין".

**ח. איז דער ביאור בזה:**

**אַ[53] חילוק עיקרי צווישן דער נשמה און דעם גוף פון אַ אידן איז — די נשמה איז אַ חלק אלקה** ממעל **ממש[54], דער גוף איז „נדמה בחומריותו לגופי אומות העולם"[55], און דערפאַר זאָגט דער אַלטער רבי[56] איז דער ענין הבחירה דוקא אין גוף, און דער טעם אויף דעם: בחירה איז שייך צו זאָגן דוקא צווישן זאַכן וועלכע זיינען גלייך איינע צו דער צווייטער (בענין המבוקש); ביי זאַכן וואָס האָבן ניט קיין צדדים שווים, קיין געמיינזאַמע תכונות צווישן זיך פאַסט ניט זאָגן קיין בחירה, עס ווענדט זיך וואָס מען וויל.**

**דערפאַר איז בחירה אמיתית שייך זאָגן נאָר בנוגע דעם גוף וואָס איז „**נדמה **בחומריותו לגופי אוה"ע", משא"כ בנוגע להנשמה איז ניט שייך קיין בחירה.**

**מצד דעם גופא איז פאַראַן אַ מעלה אין דעם גוף פון אַ אידן לגבי דער נשמה, דוקא דער גוף האָט אַ שייכות כביכול צו** עצמותו**[57]: די נשמה איז (אַלס נשמה) שייך בעיקר צו בחי' אור וגילוי, משא"כ אין גוף וחומריותו פון אַ אידן וואָס בו** בחר **הקב"ה איז ער פאַרבונדן מיט עצמותו ית'** ממש,

**וואָרום בחירה אמיתית איז נאָר אין עצמות ומהות שאין[58] לו עילה וסיבה שקדמה לו ח"ו (משא"כ[59] אויסער עצמות, אפילו אין די העכסטע מדריגות פון אור, איז מצד** אור**[60] דאָ אַ נטי' ובמילא מעין הכרח ווי עס מאָנט די נטי' ובמילא איז ניט שייך דאָרט אמתית הבחירה חפשית, בחירה אמיתית)[61].**

**און אע"פ אַז בחירה קומט (אינגאַנצן) מצד הבוחר, ניט מצד דעם דבר הנבחר (דעם גוף), וויבאַלד אָבער אַז די בחירה איז בחירת העצמות, ווערט דאָס, כביכול, מציאות הגוף, וואָרום וואו עס ווערט נמשך[62]** עצמותו **ית' איז ניט שייך עס זאָל בלייבן אַ (תפיסת) מקום צו אַן ענין חוץ ממנו ח"ו[63].**

---

53) בהבא לקמן — ראה גם לקו"ש חי"ח ע' 409 בהערות 70, 71. וש"נ.

54) תניא רפ"ב.

55) תניא פמ"ט (ע, רע"א).

56) שם (סט, סע"ב ואילך).

57) ראה ספר השיחות תורת שלום ע' 11; 120; 122.

58) ראה אגה"ק ס"כ (קל, סע"א ואילך).

59) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1309. 1340 ואילך. ובכ"מ.

60) שאפילו אור פשוט — ה"ז אור ולא עצם, שפע, חושך וכו'.

61) ואע"פ שמבואר בכ"מ ענין הבחירה בנש"י, דשרש האמיתי דנש"י הוא בהעצמות שהם בנים למקום (ראה סה"מ תרנ"ט ע' יד ואילך. ד"ה וה' אמר המכסה תער"ב (בהמשך ר"ה), תורת שלום ע' 220. ועוד) — הרי פשיטא שענין הבחירה בישראל פירושו — בבני ישראל כמו שהם נשמות בגופים, אלא שב' פרטים בהבחירה: שרש ענין הבחירה כמו"ש בעצמותו, דשם אני הוא ולא אחר, דשם אין לאחר מקום כלל, הוא בנשמות שהם בנים למקום — עצם האב (ראה לקמן בפנים סי"א־יב), אבל בבחי' הנשמה כפי שנעשה בחי' מציאות ובפרט כפי שירדה למטה, אין ניכר בה ענין הבחירה שבעצמותו כ"א בחי' גילויים. וגילוי ענין הבחירה הוא בהגוף שנדמה בחומריותו לגופי אוה"ע (ולהעיר מלקו"ש חי"ט ע' 282).

ולכן קביעת הבחירה בהגוף היא ע"י הנשמה דוקא — ראה לקו"ש חי"ח שם. ועצ"ע. ואכ"מ.

62) „נמשך" בשם המושאל כי בעצמות אינו שייך ענין המשכה כו'. וראה ד"ה תקעו תרצ"ד (נדפס בסה"מ תיש"א) פ"ב.

63) ולהעיר מלקו"ש חי"א ע' 5 ואילך.

ט. עפ״ז איז מובן, אַז אויך ווען אַ איד איז מתפלל און מבקש באַ דעם אויבערשטן אויף צרכי הגוף שלו (דחומריות הגוף —) הגשמיים, איז דאָס ניט בסתירה צו תורת המגיד אַז תפלה דאַרף זיין „מתוך כובד ראש״ דשכינה, וואָס עס פעלט אין „רישא דכל רישין״, נאָר אדרבא: דוקא אין דעם וואָס עס פעלט אין גוף הגשמי פון אַ אידן, דאָס „רירט אָן״ [ניט (נאָר) אין בחי׳ הגילוי פון אלקות (ווי דאָס איז בשעת עס פעלט אין צרכים הרוחניים של הנשמה), נאָר] אין (אמיתית) „רישא דכל רישין״, אין עצמותו ומהותו ית׳ כביכול, וואָס האָט בוחר געווען אין דעם גוף הגשמי פון אַ אידן.

ובמילא ווען אַ איד איז מרגיש דעם חסרון בצרכי הגוף שלו און דאָס ברענגט אים צו מתפלל זיין להקב״ה, איז דאָס[64] בפנימיות ובאמיתית מצד דעם וואָס פנימיותו פילט אמיתית ענינו — בחירת העצמות וואָס איז אין גוף הגשמי דוקא.

און דערפאַר זאָגט מען יעדן אידן, אין וועלכן מעמד ומצב ער זאָל נאָר זיין, „אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש״, אַז באַ אים קען דאָס זיין ובמילא דאַרף דאָס זיין, אויך זיין כוונה גלוי׳[65], אַז דאָס וואָס ער בעט צרכיו (כולל אויך צרכיו) הגשמיים, איז ווייל עס פעלט כביכול אין דעם ממעל ממש — דעם עצמות שבו, כביכול.

יו״ד. עד״ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם ענין פון „מנחם אב״[66]:

וויבאַלד אַז יעדער איד איז בן להקב״ה, און נאָך מער — בחירת העצמות איז אין גוף דוקא, איז דאָס וואָס אַ איד איז מרגיש דעם גלות (אויך) אין גשמיות השייך להגוף כפשוטו, איז בפנימיות איז דאָס דער ענין פון גלות השכינה,

ווייל דער ענין הגלות אין אלקות כביכול, איז ניט נאָר אין בחי׳ שכינה „ששוכנת ומתלבשת תוך כל עלמין להחיותן ולקיימן״[67], נאָר רירט אָן דעם אב, ביז אין עצמותו ית׳ כביכול — בשעת עס פעלט ביי אַ אידן אין גשמיות צרכי הגוף כפשוטם, וואָס אין דעם איז בחירת העצמות, ווערט דערפון מעין ענין פון גלות, כביכול, אין (אב, ביז) עצמות[68] ומהות[69].

יא. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין וואָס מען געפינט אין ספרי[33], אַז נאָך דער גאַנצער אריכות „בכ״מ שגלו (ישראל) שכינה עמהם . . וכשהם חוזרים שכינה עמהם״ מיט די ראיות פון פסוקים, איז ער ממשיך: רבי אומר מלה״ד למלך שאמר לעבדו אם תבקשוני[70] הריני אצל בני כל זמן שאתה מבקשני הריני אצל בני וכה״א[71] השוכן אתם בתוך טומאתם.

---

64) ראה עד״ז לקו״ש חי״ט ע׳ 295 ואילך — ע״פ תורת הבעש״ט.

65) להעיר מתניא ספמ״א.

66) להעיר מסה״מ תרס״ה שם ע׳ קצג בהמשך הביאור בדברי המגיד אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש: וז״ע תקון חצות שצ״ל קודם התפלה שהוא להתמרמר על גלות השכינה כו׳.

67) תניא פמ״א (נז, ב).

68) להעיר מקונטרס ומעין מאמר יו״ד פ״ג. וש״נ.

69) כי גלות ממש הוא רק בבחי׳ ה״א תתאה (אגה״ת פ״ו. ובכ״מ). וראה לקו״ש ח״ט ע׳ 179 ואילך. ושם ס״ע 182 בביאור פרש״י (נצבים ל, ג) „הכתיב גאולה לעצמו״ שמורה על עצמות.

70) כ״ה בספרי דפוס ראשון. וביל״ש כאן „בקשתני״. ובהגהות הגר״א לספרי „מה תבקשני״.

71) אחרי טז, טז.

איז לכאורה ניט פאַרשטאַנדיק: וואָס איז רבי מוסיף אויף די רייד פון ר' נתן אַז „חביבים ישראל שבכ"מ שגלו שכינה עמהם .. כשהם חוזרים שכינה עמהם", אויך פון זיי איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז דער אויבערשטער איז שטענדיק מיט אידן, בכל מקום.

נאָר דער חילוק צווישן די צווי מ"ד איז:

„ר' נתן אומר חביבים ישראל שבכ"מ שגלו שכינה עמהם". ר' נתן רעדט וועגן דער נשמה פון אידן ווי זי איז פאַרבונדן מיט אַן ענין בדוגמת רגש החביבות (בלשון בני אדם), ניט עצם הנפש נאָר רגש וגילוי — און זעט זיך אָן בגילוי, חביבים ישראל, וואָס מיט דעם זיינען זיי אָפּגעטיילט מכל אומות העולם, און מצד זו הנשמה זאָגט מען אַז בכ"מ שגלו שכינה עמהם,

וויבאַלד אַז די נשמה מצ"ע איז אַ חלק אלקה ממעל ממש, בגלוי, איז מספיק דאָס וואָס „שכינה עמהם" אַז דער גלות זאָל ניט פועל זיין אויף איר.

אויף דעם איז רבי מוסיף ווי דאָס איז אויך מצד הגוף, און דעריבער ברענגט ער דעם משל „למלך שאמר לעבדו אם תבקשוני הריני אצל בני כל זמן שאתה מבקשני הריני אצל בני וכה"א השוכן אתם בתוך טומאתם": דאָ רעדט מען ניט וועגן אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן ענין פון „חביבים" — רגש וגילוי, נאָר מיט אַן ענין עצמי בדוגמת השייכות פון אב ובן, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט גוף, וואָס אין אים איז דאָ בחירת העצמות[72] כנ"ל[73].

און דערפאַר: א) איז ער מדגיש אַז דאָס איז „כל זמן שאתה מבקשני", ווײַ־באַלד אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט עצמות איז אין דעם ניט שייך קיין חילוק ושינוי[74]. ב) ער ברענגט דעם פסוק (ועד"ז שאר הפסוקים) „השוכן אתם בתוך טומאתם", וואָס איז שייך להגוף ועניניו, ניט להנשמה[75] ועניני' — וואָס (אפילו) דברי תורה אין מקבלין טומאה[76].

יב. לויטן אויבנדערמאָנטן ביאור אין דעם ענין פון „מנחם אב" וועט מען אויך פאַרשטיין נאָך אַ שאלה אין דעם:

נחמה בכלל איז — בעת באַ אימיצן האָט געטראָפן אַ דבר בלתי רצוי, און

72) ראה ד"ה וה' אמר המכסה שם. לעיל הערה 61.

73) ויש לומר שזהו גם תוכן החילוק בפירוש „נקמת ה'" בין הספרי לבמדב"ר (ותנחומא) שבהערה 31: בבמדב"ר (ותנחומא) מה שנק' נקמת ה' הוא „בשביל תורה ומצות שנתת לנו הלכך הנקמה שלך לתת נקמת ה'", היינו מצד בחי' הגילוים, מצד היותם מקושרים בגילוי להקב"ה (ע"י תומ"צ), וזה שייך בעיקר להנשמה; משא"כ בספרי הוא מצד עצם ענינם של ישראל שקדמו לתורה, לא מצד התקשרות הגלוי' (שע"י תומ"צ), וזה שייך בעיקר להגוף. שלכן: א) צריך כאן לשלול אשר „לא נקמת ב"ו אתם נוקמים". ב) ממשיך בהחיוב: „אלא נקמת מי שאמר והי' העולם" — שבענין „הי' העולם" נדמה הגוף דבנ"י לגופי אוה"ע.

[ולהעיר שבתו"ש שם (ע' 120) מוכח דבחירת העצמות בהגוף שייכת לזה שהתהוות יש מאין הוא בכח העצמות. ע"ש. וראה שם ע' 122. ולהעיר מסה"מ תרע"ח ע' קיג ואילך. ואכ"מ].

74) ואף שגם בדברי ר"נ אומר „שבכ"מ כו'" — אינו דומה לנדו"ד כי ר"נ מדגיש „כ"מ שגלו" ולא „בכל זמן" כדברי רבי (ראה ספרי דבי רב לספרי שם).

75) שהיא מעין גנים באר מים חיים (ראה ד"ה אז ישיר ישראל (לקו"ת חקת סב, ב. סה"מ תש"ב ע' 129 ואילך. ד"ה הנ"ל תשמ"ג). וד"ה מעין גנים (סה"מ שם ע' 133. סה"מ קונטרסים ח"א ר, א. ועוד)) שאינם מקבלים טומאה ואדרבה מטהרים את הטמא.

76) ברכות כב, א.

**ממלא זיין דעם חסרון קען ער ניט, איז אַ** צווייטער **וואָס געפינט זיך** ניט **אין דעם זעלבן צושטאַנד, געפינט ער עכ"פ אַ טרייסט (צי בדברים צי במעשה) פאַר דעם געטראָפענעם.**

**בנדו"ד אָבער, ווי אַזוי זיינען אידן ביכולת צו מנחם זיין דעם אויבערשטן**[77] **בשעת זיי אַליין געפינען זיך אין גלות. ואדרבה: דער עיקר ענין הגלות איז דאָך באַ אידן, און דער גלות פאַר הקב"ה איז נאָר אַ תוצאה דערפון וואָס ער געפינט זיך "**עמהם**", מיט אידן?**

**איז דער ביאור בזה:**

**בנוגע צו אב ובן זאָגן חז"ל**[78] **"יפה כח הבן מכח האב". איז ידוע אַז אין דעם זיינען מודגש ביידע קצוות: דער כח הבן איז "יפה" פון דעם "אב"; ולאידך, איז דאָס גופא (דער "יפה") קומט "**מכח **האב" — פון דעם אב. וואָרום** אַלץ **וואָס דער בן האָט קומט פון דעם אב; נאָר וויבאַלד דער בן נעמט זיך פון** עצמיות **של האב, דעריבער קען זיין "יפה כח הבן" פונעם אב — פון די כחות הגלויים שלו**[79]**.**

קומט אויס, **אַז דער קשר** עצמי **וואָס איז דאָ צווישן (עצם ה)אב ובן איז ניכר אין דעם וואָס דער כח הבן איז יפה מכח האב.**

**יעדער ענין למטה — ווערט נשתלשל פון למעלה, ועד"ז בענין זה: דער ענין אַז "יפה כח הבן מכח האב" למטה ווערט נשתלשל פון דעם וואָס "יפה כח הבן מכח האב" למעלה — צווישן דעם אויבערשטן מיט זיינע בנים — אידן, כביכול:**

**מצד דעם וואָס אין בני ישראל דאָ למטה איז פאַראַן דער כח העצמות, ווערט אין זיי נתגלה עצמיות האב וואָס ווערט ניט נתגלה בעולמות למעלה, אפילו אין די** בחינות **הכי עליונות אין אלקות.**

**ובמילא אין בנ"י למטה איז דער — יפה כח הבן, דער כח העצם ממש, אויף "מנחם" זיין כביכול** אבינו **שבשמים**[80]**,**

**ועפ"ד ווי מען געפינט בנגלה דתורה ובגלוי אַז דער אויבערשטער זאָגט**[81] **"נצחוני** בני **נצחוני"**[82]**.**

**יג. וויבאַלד אַז דער** גאַנצער **חודש ווערט אָנגערופן "מנחם אב", איז פאַר־שטאַנדיק אַז דער ענין הנחמה הויבט זיך אָן (ניט נאָר פון לאחרי תשעה באב, ווען עס הויבט זיך אָן דער זמן פון "שבעה דנחמתא", נאָר) שוין פון** התחלת **החודש.**

**וואָרום דער ענין הנחמה אויף דעם גלות ווערט אויפגעטאָן דורך די הנהגות פון אידן, וועלכע זיינען היפך** חטאינו **— סיבה** היחידה **פון** גלינו**,**

**ובפרט** משנכנס אב, **די הנהגות בקשר צו** חורבן **בית אלקינו, וואָס מיט דעם**

---

77) להעיר ממ"ש בטעמי המנהגים (שבהערה 23) שהקב"ה מנחם את עצמו כבי'.

78) שבועות מח, סע"א. וש"נ.

79) ראה המשך שמח תשמח תרנ"ז ע' 93 (סה"מ תרנ"ז ע' רסט) ואילך. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' תה. ובכ"מ.

80) ולהעיר מהמבואר בכ"מ (ראה המשך תער"ב ח"ב ע' א'קכג ואילך. ועוד) בענין התענוג מ"מה שנתקבלה העבודה והביטול בנבראים (והיינו בנש"י) בטוב ביתרון גדול גם על תחלת המחשבה כו'", "ויכול להיות . . בדרך הצלחה". וראה לקו"ש חי"ט ע' 384 ואילך.

81) ב"מ נט, ב.

82) וראה בארוכה של"ה שער הגדול (כט, ב ואילך) בהענין "דעבודה צורך גבוה".

**איז מען „מנחם"** (די עניני) **אב, מחליש דעם חורבן ומקרב דעם** בנין.

**און דעריבער** קומען צו **דינים וכו', ובכלל דאַרף מען זיך משתדל זיין אין די טעג צו מוסיף זיין וואָס מער אין תומ"צ ועבודת ה',**

**ובפרט — סיי אין די דינים והנהגות** שממעטין **כו' בימים אלו, און סיי לאידך, וואָס מ'איז** מוסיף **אין תורה וואָס „פקודי ה' ישרים משמחי לב"[83],**

**ובפרט — ע"פ המנהג[84] בכ"מ — מאַכן אין די טעג אַ סיום מסכת, וואָס דאַן ווערט דער טאָג אַ „יומא[85] טבא לרבנן"[86],**

**בכלל קאָכן זיך נאָך מער אין לימוד התורה המשמחת לב, וביחוד אין דעם לימוד פון הלכות בית הבחירה — וועגן בית המקדש, צורתו ומובאיו כו', וואָס דורך דעם לימוד אין עניני צורת הבית איז „בנין ביתי" ניט בטל, און „אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין[87] בבנין הבית"[88],**

**וואָס מיט די אַלע ענינים, מעשינו ועבודתנו, איז מען מנחם כביכול אבינו שבשמים, וינחם הוי' (חרטה[89] כביכול), דער אויבערשטער גייט אַרויסנעמען אידן פון גלות און בויען דעם בית המקדש השלישי, מקדש אדני כוננו ידיך[90] —**

**במהרה בימינו ממש.**

(משיחות ש"פ מטו"מ תשמ"ב,
ש"פ אמור תשל"ז)

83) ראה טושו"ע או"ח הל' ת"ב (ר"ס תקנד).

84) להעיר ממנהג אדנ"ע שנתפרסם — „לעשות סיומים" בט' ימים שבין ר"ח לט' באב, אף שלא הי' סועד אח"כ בבשר ויין (ס' המנהגים — מנהגי חב"ד — מנהגי בין המצרים).

85) שבת קיח, סע"ב ואילך. רמ"א יו"ד סרמ"ו סכ"ו. וראה באר היטב שם. ועד שאוכלין בשר ושותים יין בסעודה זו גם בימים אלו (ראה רמ"א או"ח סתקנ"א ס"י).

86) ראה שער יששכר (להרה"צ כו' רח"א ממונקאטש) מאמרי חודש תמוז אב אות ח: מה שנוהגים מהצדיקים זי"ע משורש תלמידי הבעש"ט זי"ע לעשות בימי אב סיום מסכת ולאכול בשר כו'.

87) לשון הווה, ובאופן דעסק — לא סתם עשי'.

88) תנחומא צו יד. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 412 ואילך ובהנסמן שם.

89) ראה פרש"י בראשית ו, ו.

90) בשלח טו, יז. ראה זח"ג רכא, א.